STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04032

ERETS-YISROEL

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול-ביבליאָטעק

סעריע ב העפט נר. 1

ארץ-ישראל

★

ארויסגעגעבן פון דער

צווישאַ און שלום עליכם שולן.

בוענאָס איירעס 1947

אינהאַלט:

● א. היים (ליד)
פון י. פאפיערניקאָוו
● ב. דערשוומען
● ג. יונה די שיף
● ד. די פינף פון יענער זייט בארג
פון זינא ראבינאָוויטש
● ה. פארנומען דעם בארג
פון א. בילים
● ו. דער וואלד ברענט
פון זינא ראבינאָוויטש
● ז. תל אביב — א יידישע שטאָט
פון ש. פרייד

היים

פון י. פאפיערניקאָוו

זאָל עס זיין אין א ליווונט געצעלט,
אין א כאטקע פון שטרוי און פון ליים,
זאָל עס זיין ווו ס'זאָל זיין אין דער וועלט,
נאָר — אן אייגענע, ווארעמע היים.

לאָמיך ווימן ווו כ'זאָל נאָר נישט זיין,
אז ס'איז ערגעץ פאראן הינטער מיר
אזא האָב און באזיץ, וואָס איז מיין,
אז ס'דערוווארט מיך א שוועל און א טיר.

אז א פענצטער קוקט אוים מיך פון וועג,
פארן פענצטער — א בוים און א באנק
און אין שטוב אזא אָרים פארמעג,
וואָס איז ליב ווי א טייער געשאנק.

ס'ליגט די רו איבער אלץ און אויף אלץ,
און דאָס אלץ איז — א טיש און א בעט,

אויפן טיש — ברויט, א מעסטעלע זאלץ
און א מעסער אויף שניידן צו זעט.

און ווען ס׳פאלט שוין דער טאָג אויף די פּיס
און צעליינט ווי א שעפּס זיך אזוי,
שלאָפט די נאכט זיך אדורך אזוי זיס,
ווי אויף נאָר וואָס געקאָסעטן היי.

זאָל עס זיין אין א לייוונט געצעלט,
אין א כאטקע פון שטרוי און פון ליים,
זאָל עס זיין ווו ס׳זאָל זיין אין דער וועלט,
נאָר — אן איינענע, ווארעמע היים.

זינא ראַבינאָוויטש

דערשוומען

★

עריק איז געשטאַנען מיט זיין טאַטן אויפן דעק פון דער איבערגעפאַקטער שיף מיט עמיגראַנטן און גע־קוקט מיט מוראדיק גרויסע אויגן אויף די בלויע כוואַ־ליעס פון דעם מיטלענדישן ים.

שטיל זענען געווען די לייכטפאַרשוימטע כוואַ־ליעס, און עס האָט זיך געדוכט, אז זיי זענען געבליבן שטיל בלויז אויף א ווײַלע, ווייל זיי ווילן זיך צוהערן צו דעם געוויין און געפּילדער פון דער איבערגעפולטער, שמוציקער שיף. עס האָבן זיך געטראָגן פון איר אזעלכע מיני רייד! — אומלעגאַלע אימיגראַנטן! פּאַספּאָרטן ווילן זיי? ווו זאָלן מיר געווען נעמען די פּאַספּאָרטן? אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן? וויזעס ווילן זיי? אויף וויזעס זאָלן מיר וואַרטן? ס'הייסט ביז משיח וועט קומען! און דערווייל אויסגיין פון הונגער אין פרעמדע לענדער?!

אין צווייטן עק שיף זענען געזעסן פרויען און ברע־כנדיק די הענט האָבן זיי געוויינט — הויט און ביינער איז פון אונדז געבליבן. די קינדער פאַרחלשטע, פאַר־הונגערטע! ביז וואַנען, גאָטעניו? ביז וואַנען? וווהין וועט מען אונדז איצט צוריקשיקן? געוואַלד! איז טאַקע נישטאָ קיין רחמנות אויף דער וועלט?!

צוהערנדיק זיך צו די רייד און געוויינען, האָבן די כוואַליעס שטילערהייט געשאָקלט מיט די ווייסע קעפּ־

לעך, און עס האָט זיך געדוכט, אז זיי האָבן געמורמלט: „געקעכטס! כ׳לעבן געקעכטס! ווער האָט דאָס טאקע אויסגעטראכט וויזעס און פאספאָרטן? מיר, כוואליעס, פרעגן זיך נישט נאָך אויף אזעלכע נארישקייטן און טראָגן אויף זיך אלע שיפן. נאָר מענטשן האָבן צו טראכטן אזעלכע זאכן״.

און עריק האָט זיך צוגעקוקט צו די כוואליעס מיט נאָר גרויסע אויגן גלייך ווי ער זאָל דערפילן, אז זיי זענען בעסער פון מענטשן, און האלטנדיק זיין טאטנס האנט, אים שטיל געענטפערט:

— איך האָב נישט מורא פאר זיך, טאטע, נאָר פאר דיר. די כוואליעס פון ים זענען אוים צו זיין גוטע און מילדע. אָבער דיין געזונט...

— נארישקייטן, האָט עריקס פאָטער געענטפערט מיט א ציטער אין שטים — איך בין געווען א טשעמפּיאָן שווימער פון קינדהייט אָן, אזוי ווי דו.

עריק האָט נישט געענטפערט און בלויז שטייפער צוגעדריקט זיין פאָטערס האנט צו זיינער. ער האָט געוואוסט — אז זיין פאָטער איז געווען א גוטער שווימער, ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אז אין קאָנצענטראציע לאגער, וווּ זיין פאָטער האָט פארבראכט א קארג יאָר צייט, האָט מען אים אָפּגעשלאָגן די לונגען, און יעדעס מאָל וואָס ער גיט א הוסט, דרייט ער זיך אוועק אָן א זייט און פארדעקט אויף שנעל זיין מויל מיט א גרוים קאָלירט טיכל, עס זאָל זיך נישט אָנזען, וואָס ער האָט ארויסגעהוסט פון זיין קראנקער ברוסט.

עריק האָט דאָס אלץ גוט געוואוסט, כאָטש ער האָט

קיינמאָל נישט געפרעגט קיין קשיות, און דאָך האָט ער נישט געקאָנט ניין אנטקעגן זיין פאָטערס ווילן. כאָטש יעדעס מאָל וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זיין פאָטער וועט דארפן ארונטערשפרינגען פון דער שיף, פלעגט אים באפאלן א שרעק.

— זעסטו, עריק! — האָט עריק נאָך אַמאָל דער־הערט זיין פאָטערס ציטערדיקע שטים — דאָס מוז זיין דער דרומדיקער שפּיץ פון ארץ ישראל. תל אביב איז העכער, די זאמדן זעען אוים גאנץ ווילדע. דאָס מוז זיין ארום עזה, צי אשקלון. דאָס יידישע ארץ ישראל זעט נישט אוים אזוי ווילד. אָבער נישט געשרעקט זיך! אבי נאָר לאנדן! פארשטייסט? שטיין מיט די פים אויפן באָדן!

— אבי שטיין מיט די פים אויפן באָדן — האָט עריק איבערגעחזרט מיט שרעק, ווייל עס האָט זיך אים אוים־געדוכט, אז עמיצער האָט אים פון דער צווייטער זייט א שושקע געטון: „און טאָמער וועט איר נישט דער־שווימען? וואָס דאן?"

עריק האָט נאָך שטיפער געדריקט זיין פאָטערס האנט. דערפילנדיק דאָס, האָט ער זיך טיף אריינגעקוקט אין אים און שטילערהייט געזאָגט:

— דו ביסט זייער א גוטער שווימער, עריק, פאר־שטייסט, זון מיינער. די שיף וועט מען ביינאכט אומ־קערן מיט די אלע אומגליקלעכע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין פאספּאָרטן, נישט קיין וויזעס. וווהין — ווייסט מען נישט. ווי לאנג זיי וועלן זיך ערגעץ אין דער פרעמד וואלגערן — ווייסט מען אויך נישט. מיר איז שוין

אַלצאיינם. לאנג וועל איך נישט אויסהאלטן. ווײַל איך באַטש דיך זען דאָרט, אין אונדזער לאַנד, פון וואַנען מען וועט דיך נישט קאָנען ארויסטרייבן.

עריק האָט נישט אויסגעהאלטן זיין פּאַטערס קוק און אוועקדרייענדיק זיינע אויגן צו די בלויע כוואליעס געזאָגט:

— דו ביסט גערעכט, טאַטע. איך האָב שוין פאַר דיר אפילו אויך קיין מורא נישט! דו ביסט דאָך אויך א גוטער שווימער. מיר וועלן דערשווימען, ביידע.

„און טאָמער נישט?" האָט נאָך אמאָל עמיצער א שושקע געטון פון ערגעץ.

„איז בעסער נישט דערשווימען, איידער אויסגיין אויף דער שיף און מען זאָל זיך צובינדן צו א ברעט מיט שטיינער און דיך ארונטערוואַרפן", האָט עריק געענט־פערט יענער שטים אין זיין געדאַנק. האָט מען מיט זיין מאַמען נישט געטון אזוי? האָט מען מיט נאָך אנדערע פּאַסאַזשירן אויף אָט דער אומגליקלעכער שיף נישט געטון אזוי?...

די זון האָט זיך ארונטערגעטונקען אין בלויען ים און פארבליבן אונטער די בלויע וואַסערן און עס איז צונעפאלן די יאַכט.

פרומע יידן האָבן געדאווענט מעריב אין איין ווינקל, יונגע חלוצים און חלוצות האָבן גערעדט אין אן אנדער ווינקל. פרויען האָבן געוויינט און געיאָמערט און קינ־דער האָבן זיך געשפּילט אונטער זייערע פּלייצעס און נישט געוואָלט וויסן פון קיין צרות.



א יידישע קאָלאָניע אין ארץ ישראל

חלוצים ביי דער ארבעט.

און אין דעם ארומיקן טומל איז פארשטיקט געוואָרן דער כליופּ פון די כוואליעס, וואָס האָבן מיט ווארעמקייט ארומגעכאפּט די קערפּערס פון עריקן מיט זיין פאָטער...

מיט גרויס פרייד האָבן די מידע הענט, עריקס און זיין פאָטערס, ענדלעך אָנגעטאפּט דאָס זאמד פון ברעג...

— דערשוווּמען, האָט עריק מיט פרייד אָנגעכאפּט זיין פאָטערס הענט, וועלכע האָבן געציטערט פון קעלט און איינמאטערניש.

— אבי דו ביסט שוין אין לאנד.

— דו ביסט דאָך אויך, האָט עריק מיט שרעק אים צוגעטוליעט צו זיך, כדי אים צו דערווארעמען.

— זאָרג זיך נישט פאר מיר. לאָז מיך דאָ, און דו גיי ארויף, צום צפון, צו תל אביב, צום יידישן ישוב. האָב קיין מורא נישט. דאָס איז דיין היים. קיינער וועט דיר דאָ קיין שלעכטס נישט טון.

א שטארקער הוסט האָט זיך ארויסגעריסן פון זיין ברוסט און א ווארעמע כוואליע בלוט איז אים נאָכגע־קראָכן. די לעצטע כוחות האָבן דעם פאָטער פארלאָזט. שטיל האָט ער געשעפּטשעט:

— שרעק זיך נישט, מיין זון, פאר מיר. איך בין רואיק איצט, איך האָב אלץ דערגרייכט. מיר זענען דאָך דער־שוווּמען. נישט אזוי?

— אוודאי דערשוווּמען, האָט עריק מיט שרעק איבערגעחזרט.

— און מיין זון שטייט מיטביידע פיס אויף אונדזער באָדן...

— לאָז מיך נישט איבער איינעם אליין, האָט עריק זיך געבעטן מיט געוויין.

— דאָ וועסטו נישט זיין אליין, דאָ אין לאנד זענען דיינע ברידער, גיי זוך זיי אויף.

דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער פונעם פאָטער.

א לאנגע צייט איז עריק געלעגן איבער זיין פאָטערס קערפּער און שטיל געוויינט. און ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער זייט פון צפון, זוכן דעם ישוב, זוכן זיינע ברידער.

★

יונה די שיף

אזוי האָבן די קינדער פון קיבוץ אָנגעהויבן צו רופן יונהן, נאָכדעם ווי דער לערער האָט אים גוטמוטיקער־הייט געזאָגט אמאָל: „יונה, יונה! וואָס איז געשען מיט דיר? ביסט געווען דער בעסטער אין רעבענען! און איצט זיצסטו גאנצע טעג און מאָלסט שיפלעך און חוץ די שיפלעך ווייסטו נישט וואָס ס׳קומט פאָר אין קלאַס און וואָס ס׳טוט זיך מיט דיר! מיט שיפלעך קען מען דען צונויפרעכענען, וויפל מילימעטער רעגן ס׳פאלט ביי אונדז דורך דעם רעגן סעזאָן? צי וויפל מילך אונדזער קיבוץ פּראָדוצירט דורך דעם יאָר? צי וויפל פונעם וואָל ברענגען אונדז אונדזערע שאָף? ווי קאָן מען אויסוואקסן אין אונדזער קיבוץ, נישט וויסנדיק די אלע זאכן? און

צוליב דעם מוז מען לערנען חשבונען... פארשטייסטו, יונה, יונה... די שיף!!"

די קינדער אין קלאס האָבן זיך צעלאכט און ס'איז אוועק „יונה די שיף".

אָבער יונהן האָט עס געארט ווי דער פאראיאָריקער שניי. רופט מיך „יונה די שיף" און לאָזט מיך צורו — טראכט זיך יונה און מאָלט ווייטער זיינע שיפלעך.

אָבער נישט ווייל יונה איז געווען אזא גוטער מאָלער, האָט ער געמאָלן זיינע שיפלעך, נאָר ווייל ער איז געווען זייער באזאָרגט, און באזאָרגט איז ער געווען, ווייל אויף איינער פון זיינע שיפלעך, וואָס ער האָט געמאָלן, איז געווען יונהס פאָטער, און כאָטש קיינער פון די קינדער האָט נישט געוווסט וועגן דעם, האָט יונה אָבער גוט געוווסט, אז קיין לוסט־רייזע האָט זיין פאָטער נישט געמאכט אויף דעם שיפל. גאנץ צופעליק האָט זיך יונה דערוווסט וועגן דעם און אָט ווי ס'האָט געטראָפן.

איינמאָל ביינאכט אין שלאָף האָט יונה דערפילט ווי עפעס קריכט אויף זיין פנים און זיין האלדז, טראכט זיך יונה אין שלאָף: „זאָל דאָס זיין די שלאנג, וואָס ער האָט בייטאָג געפונען איינגעגראָבן אין זיין הייל און זי צעממיתט און זי פארקוברעוועט אין א סלאָי, כדי צו ברענגען זי מאָרגן אין שול אריין צום לערער פון נאטור־פאָרשונג? זאָל דאָס זיין תחית המתים פון דער שלאנג?" טראכט זיך יונה אין שלאָף, נארישקייטן! „אָבער פאר־וואָס קריכט זי איבער מיין פנים? אזא חוצפה! אָט קריכט זי מיר אריין אין די האָר! מער פעלט מיר נישט! טראכט זיך יונה אין שלאָף, זי זאָל זיך ארייגפלאָנטערן

אין מיינע האָר! שרעק זיך נישט, יונה! גיב א רים אויף די אויגן און שליידער זי אַראָפּ פון זיך!"

יונה רייסט אויף די אויגן און דערהערט א שטילן פליסטער פון זיין טאטנס שטים: „וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקן? וואָס ציטערסטו אזוי?" פרעגט זיין טאטע פארזאָרגט. יונה איז איבערגליקלעך, וואָס אנשטאָט דער שלאנג קריכט אים אין די האָר גאָר זיין טאטנס האנט. כאפּט ער זי, קושט זי, לעקט זי, בייסט זי, כאפּט זי אריין אונטער דער קאָלדרע און ציט זיין פאָטער אויך אריין...

און זיין פאָטער איז עפּעס אזוי מאָדנע — ער לייגט זיך נעבן אים, האלט יונהס קאָפּ צוגעטוליעט צו זיך א לאנגע צייט, קושט אים די האָר, די אויערן, די אויגן. און ערשט נאָכדעם ווי יונהס פאָטער האָט זיך שטילערהייט אויף די שפּיץ פינגער ארויסגעכאפּט פון חדר נערים (פון יינגלעכס שלאָף־צימער) האָט יונהן עפּעס א בליץ געטון אין קאָפּ א געדאנק. ער איז ארייַנגעקראָכן אין די שטעק־שיך, האָט א כאפּ געטון אויף זיך די קאָלדרע און זיך ארויסגעגליטשט פון שלאָף־צימער. ער האָט ניך אָנגעיאָגט זיין פאָטער, וועלכער האָט פאמעלעך שפּאַצירט פון איין געביידע צו אן אנדערער, ווי איינער וואָס געזעגנט זיך מיטן קיבוץ.

— דו פאָרסט אוועק? האָט יונה א פליסטער געטון, אָנכאפּנדיק אים ביי דער האנט. „ענטפער מיר נישט!" שושקעט יונה, „איך ווייס, אז דו האָסט קיין רעכט נישט ארויסצוגעבן דעם סוד, כאָטש איך בין דיין זון! איך וואָלט אויך אזוי געטון! א סוד איז א סוד! דו שווייג — אָבער איך מעג פרעגן! דו פאָרסט אריינברענגען א שיף

א בליק אויף חיפה, ביים ברעג פון מיטללענדישן ים

מיט פליטים פון א פּאָרט אויף דעם מיטל ים. ס׳קאָן זיין, אז איר וועט זיך דארפן ארײנשיפן... צו אונדזערע ברעגעס... איאָ?"

„אויב מ׳וועט נישט לאָזן מיט גוטן, וועלן מיר מוזן זיי ארײנברענגען מיט שלעכטן. אָבער ארײנברענגען מוז מען זיי. פארשטייסט, יונה! מ׳מוז".

יונהן האָט געטרייסלט אין קדחת נאָך דעם ווי ער האָט זיך אויפסניי געזעגנט מיט זיין טאטן און איז צוריק ארונטער אונטער זיין קאָלדרע.

פון יענער נאכט אָן איז ער געווען זייער פארזאָרגט וועגן זיין פאָטער. דערצו נאָך האָט ער פאר קיינעם נישט געקאָנט אויסריידן זיין פארזאָרגט הארץ! אפילו נישט פאר זיין מאמען! זיין מאמע, ווען ער זעט זי אין דער רו צייט, צי נאָכן עסן, זעט אוים אזוי רואיק און פריילעך גלייך ווי גאָרנישט! „אפשר ווייסט זי אויך נישט, וווהין און צוליב וואָס דער טאטע איז אוועקגעפאָרן? טראכט זיך יונה, אפשר בין איך דער איינציקער, וואָס ווייסט דעם סוד?" און זיין הארץ ציטערט אין אים פון שרעק און זאָרג. וואָס זשע טוט יונה, ווען דאָס הארץ זיינס איז אזוי פארזאָרגט? זיצט ער און מאָלט שיפלעך, און מאָלנדיק שיפלעך, זעט ער זיין טאטן און נאָך אזעלכע חברה לייט ווי זיי שטייען ארום דעם קאפיטאן פון שיף, וועלכע איז איבערגעפולט מיט חלוצים. זיי קוקן זיך טיף איין אין די ברעגעס פון ארץ ישראל, ווייל זיי קאָנען אויסנווייניק יעדן פעלדז און יעדעם שטיקל זאמד־פלאך, יעדע געביידע און יעדן טורעם־סיגנאל. זאָל מען זיך אָפּשטעלן דאָ? צי דאָרט? אָט שטעלט

זיך אָפּ די שיף אויף א ווײַלע. ס'קומען צו צוויי קליינע שיפלעך, גלייך ווי פון אונטער די כוואַליעס ארוים, אַט לאָזט מען ארונטער דעם לייטער פון שיף און ס'גליטשן זיך ארונטער לעבעדיקע קלימעקלעך אין די קליינינקע שיפעלעך אריין און די כוואַליעס, גלייך ווי אין א שטילן אָפּמאַך, ברענגען זיי צו די ברעגעס און ס'קריכן נאָכ־אַמאָל לעבעדיקע קלימעקעס שוין אויף דער יבשה, צעקריכן זיך אין אלע זייטן און ס'שלינגט זיי איין קיבוץ נאָכן צווייטן און די נאַכט שמייכלט מיט איר כיטרע שמייכל און אויף מאָרגן זעט מען נייע מענטשן אין עמצימער און אין לייענזאַל.

אַט אזוי טראַכט זיך יונה זיינע טראַכטעכצן בשעת אלע חשבונען און לערנען. און דער גוטמוטיקער לערער האָט שוין גלייך ווי א מאָך געטון מיט דער האַנט אויף יונהן און שמייכלט בלויז: — איי, יונה, יונה די שיף! און די קינדער לאַכן.

*

די פינף פון יענער זייט באַרג

(יידישע העלדן אין ארץ ישראל)

ארום דעם קיבוץ, וועלכער האָט זיך געפונען לעבן איינעם פון די הויכע, ווילדע בערג, נישט ווייט פון ירושלים, פלעגן זיך נישט איינמאָל הערן שיסערייען, איבערהויפּט ווען עס פלעגט צופאַלן די פינצטערע נאַכט. אָבער קיינער אין דעם קיבוץ פלעגט זיך נישט אומקוקן אויף דעם... אלע ארבעטער האָבן געוווּסט, אז דאָס שיסן

פון באהעלטענישן וואנדאלן, וועלכע פארגינען נישט, וואס עס ווערט געבויט א ניי, שיין לעבן...

קיינער האט זיך נישט צוגעהערט צו דעם וויי̆טן, שרעקנדיקן בילן פון איינצלנע ביקסן אין די ארומיקע בערג און היילן. אבער עס איז געקומען א צייט, ווען דער קיבוץ איז געווארן זייער פאר־זארגט וועגן דעם. דאס איז געווען, ווען דער קיבוץ, וועלכער איז געוואקסן פון טאג צו טאג, אריינגעמענדיק נייע חברים פון פוילן, רומעניע, האט געפונען א מעגלעכקייט אפצוקויפן א שטיקל ערד פון אן אראבישן שייך.

אבער ווי קאן מען זיך שטעלן ארבעטן אויף א שטיקל ערד וואס געפינט זיך ווייט, ווייט, פון יענער זייט הויכן בארג, וווהין עס פירט קיין וועג נישט, וווהין מען קאן בלויז קלעטערן צו פוס? נישט אזוי שנעל האקט מען אוים א שאסיי אין די פארעקשנטע בערג פון ארום ירושלים!

די יונגע ארבעטער האבן נישט געוואלט ווארטן, ביז עס וועט אויסגעהאקט ווערן דער וועג! זיי האבן זיך געריסן צו דער ארבעט!

די יונגע האבן געזיגט דאס מאל, און עס איז באשלאסן געווארן, אז פינף ארבעטער וועלן זיך שטעלן ארבעטן אויף דער ניי־גע־קויפטער ערד.

אלע האבן געוואלט זיין פון די „פינף”, און דערפאר איז בא־שלאסן געווארן, אז יעדע וואך זאלן זיך בייטן די ארבעטער, וואס דארפן גיין צו יענער זייט בארג אויסהאקן די שטיינער.

יעדן פרימארגן האבן זיך די פינף געלאזט קלעטערן מיט די העק און גראב־אייזנס אין די הענט און די טארבע מיט עסן איז געהאנגען אויף די פלייצעס פון דעם פינפטן, וועלכער האט אויך געטראגן א ביקס אויפן אקסל. ער האט געהייסן דער „גאיר”, דער וואס האט באדארפט אפהיטן די לעבנס פון די פיר ארבעטער.

יעדן טאג האבן די חברים פון דעם קיבוץ געווארט מיט אומ־געדולד אויף דעם אוונט, ווען זיי וועלן דערלעבן צו זען צוריק די

פינף, וואָס זענען אוועק גאנץ פרי אויף יענער זייט בארג. אלע פלעגן דאן ווערן פריילעכער, זינגען העכער און שטארקער, אזוי אז די ארומיקע בערג האָבן אָפּגעהילכט פון זייערע קולות. און נישט נאָר די „גרויסע", נאָר אויך די קינדער פלעגן ווערן פריילעכער, ווען זיי פלעגן דערזען די פינף קומען צוריק פון דער ארבעט. „אָ, איר זייט שוין דאָ?" פלעגט אַ קינד זיך ארויסלאָזן צו זיי מיט פרייד און זיך ציען צו זיי מיט די הענטלעך.

איינמאָל אין אַ העלן טאָג, ווען אלע אין קיבוץ זענען געווען פארטאָן אין זייער ארבעט און די „פינף" זענען געווען פון יענער זייט בארג, האָט די צעגליטע איינגעדרימלטע לופט מיט אמאָל אַ גרויסן הילך געטאָן. עפּעס האָט אויפגערודערט דעם בארגיקן ארום. דער גרויסער בויך פון דעם בארג האָט זיך גלייך ווי אַ טרייסל געטאָן און אויפגעוועקט אויך די פארשלאָפענע טאָלן. אלע האָבן זיך געלאָזט קלעטערן פון יענער זייט בארג, צו די פינף, אהין, ווו עס זענען געלעגן מיט זייערע אקער־אייזנס אין די הענט, פינף דערהרגעטע יונגע חלוצים...

דעם גאנצן נאָכמיטאָג זענען געשטאַנען אַלע חברים פון דעם קיבוץ ארום די פינף יונגע חלוצים, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס פאר דעם אויפבוי פון לאנד. מען האָט נישט געהערט קיין פּיפּס אין דעם גרויסן עם־צימער אָנגעפילט מיט חברים. אפילו קליינע קינדער זענען געזעסן ווי פארגליווערטע אין זייערע וויגעלעך. און גלייך ווי קוקנדיק אויף זיי, האָבן אויך די פייגעלעך יענעם העלן נאָכמיטאג נישט געזונגען און נישט געפּישטשעט און געזעסן ווי פארגליווערטע אויף די צווייגן, וועלכע האָבן זיך געבויגן צו דער ערד פון גרוים טרויער. הענער האָבן נישט געקרייעט יענעם נאָכמיטאָג און הינער האָבן נישט קאָלופּעט און נישט גענישטערט אין דער ערד, נאָר דאָס אייזעלע האָט נישט געקאָנט אויסהאלטן דעם ווייטיק און האָט זיך צעשריגן אויף אַ קול... אָבער דער גרויסער, קלוגער הונט פון דעם קיבוץ איז באלד צו צו דעם אייזעלע און פאָכנדיק צום אייזעלע מיט די אויערן און מיט דעם עק, פינט־

לענדיק מיט די טרויעריקע אויגן און וויינענדיק טיף אין זיך, האָט ער געוואָלט געבן צו פארשטיין דעם אייזעלע, אז מען טאָר היינט אפילו נישט וויינען...

און דאַן איז אויך דאָס אייזעלע געבליבן שטיל און האָט מער נישט געשטערט דעם טיפן טרויער פון קיבוץ.

און ווען עס איז צוגעפאלן די נאכט און עס איז געקומען די שעה, ווען מען פלעגט אין קיבוץ צעטיילן די ארבעט צווישן די חברים פארן מאָרגנדיקן טאָג, האָבן זיך אלע געאיילט צום טיש, ווו מען פלעגט יעדע וואָך ווארפן גורל, ווער ס'זאָל גיין אויף יענער זייט בארג.

יעדער איינער האָט געוואָלט זיין פון די מאָרגנדיקע פינף, וואָס וועלן גיין ארבעטן אהין, ווו זיינע חברים זענען געפאלן.

זינא ראבינאָוויטש

א. בילים

פאַרנומען דעם באַרג

(א מעשהלע פון ארץ ישראל)

צופוסנס פון א הויכן שטיינערנעם בארג שטייט דאָס קליינע יידישע דערפל אין ארץ ישראל. די דרייסיק יידישע משפחות וווינען דאָרט ארום פופצן יאָר און איידער די ערד האָט זיי אָנגעהויבן שפייזן, האָבן זיי גע־דארפט זי אויסשטיינערן, מיסטיקן און עטלעכע מאָל אקערן. שווער איז געווען ארויסצורייסן ביים באָדן דאָס ערשטע ביסל תבואה. אָבער די יידן זענען געווען איינ־געשפארט און אין יעדן שפאן האָבן זיי ארייגעלייגט טעג פון מי און ארבעט. איצטער האָבן שוין די דרייסיק משפחות ברויט, גרינס און מילך. איצטער לעבן זיי שוין זיכער און איינגעפונדעוועט אויף דער ערד, נאָר זיי קוקן ארויף צום שטיינערדיקן בארג מיט בענקשאפט:

— אך, ווען מיר זאָלן אים קענען בייקומען. ווען מיר זאָלן נאָר קענען באדעקן זיין נאקעטקייט מיט ברויטן און ביימער...

צילה און אבינדב זענען ביידע געבוירן געוואָרן אינעם דערפל, און פונעם ערשטן טאָג, ווי נאָר זיי האָבן נאָר געקענט פארשטיין א וואָרט, האָבן זיי שוין געוווסט, אז דעם בארג דארף מען בייקומען. מיט די לידער ביים וויגל האָבן די מאמעס זיי ארייגעזונגען: ווען דער בארג וועט בליען, ווען דער בארג וועט געבן תבואה...

אז זיי זענען אונטערגעוואקסן, האָבן זיי נישט איינ־

מאָל ארויפגעקלעטערט אויפן בארג און זיך געשפּילט אין „איינגעמען דעם בארג". אבינדב האָט זיך געמאכט ווי ער רייסט די שטיינער, צילה איז אים נאָכגעגאנגען און געמאכט זיך ווי זי זייט און פלאנצט און דערנאָך זענען זיך ביידע צונויפגעקומען מיט פריידיק געזאנג:

ווי דער פויגל פליט
האָט דער בארג צעבליט,
ווי די זון פארגייט
איז דער בארג פארזייט.

אין דערפל זענען געווען עטלעכע ציגן און גע־פאשעט האָבן זיי זיך אויפן בארג. ציגן האָבן ליב צו זוכן גרעזלעך און אויפן בארג זענען פון צווישן די שטיינער געוואקסן פעטע גראָזן. אבינדב האָט ליב געהאט די ציגן, און איינמאָל האָט ער געזאָגט צילהן, אז זיי זאָלן נאָר ווערן פאסטעכער:

— דערווייל קענען מיר דעם בארג נישט איינעמען. יאָרן דארפן נעדויערן, ביז מיר וועלן קענען אויסשטיי־נערן דעם בארג, אָבער פאשען ציגן קענען מיר.

צילהן איז עס געפעלן און זינט יענעם טאָג האָבן די קינדער גענומען אויף זיך אליין צו היטן די ציגן ווי פאסטעכער. די עלטערן זייערע זענען געווען פארנומען יעדן טאָג מיט דער שווערער ארבעט אויפן פעלד און זיי האָבן זיך נישט אומגעקוקט, ווו אבינדב מיט צילהן ווערן פארפאלן אויף גאנצע טעג. נאָר אין דערפל האָט מען געזען, אז די ציגן האָבן אָנגעהויבן צו געבן מער מילך, אז זיי ווערן פעטער און אויסגערונדיקטער, אז די

מילך אליין איז פּעטער. האָבן די דאָרפס־מענטשן גע־
רעדט צווישן זיך, אז עפּעס איז געשען א נס מיט די ציגן:
דאכט זיך, אז זיי פּאשען זיך ווי שטענדיק אויפן בארג
און איצט זענען זיי גאָר אנדערע ציגן.

אלע אינדערפרי האָבן זיך אבינדב און צילה באַ־
געגנט ביים צופוסנס פון בארג און זענען געגאנגען צו
די ציגן. זיי האָבן אלע מאָל געפונען פאר זיי גוטע
ערטער, ווו ס'איז דאָ מער גראָז, בעסער גראָז, און דאָרטן
זיי פארהאלטן. די ציגן זענען שוין געווען צוגעוווינט צו
די קינדער און פלעגן זיי נאָכגיין.

אבינדב האָט אפילו געמאכט א לידל צו די ציגן:

ציגעלע מיינע
צופּט דאָס גראָז,
וועט איר ווערן, —
ווייסט איר וואָס?

פעט און רונדיק
פעסט און שטארק
און וועט ברענגען
מילך פון בארג.

פון יענער זייט בארג האָבן געוווינט אראבער. א
קליין אראביש דערפל איז דאָרט געווען, מיט חרובע
הייזלעך און קינדער, וואָס זענען זומער און ווינטער
ארומגעגאנגען נאקעט. די אראבער האָבן געהאלטן, אז
דער בארג איז זייערער. נישט מאכן אים, אז ער זאָל
ברענגען תבואה און ביימער זאָלן אויף אים וואקסן, האָבן



אויף דער וואך, ביים אָפּהיטן יידישע פעלדער און יידישע ארבעט

די אראבער געוואָלט, נאָר אז ער זאָל זיין זייערע. האָבן די אראבער געזען ווי צוויי יידישע קינדער פּאַשען ציגן אויפן בארג, האָט זיי פארדראָסן: פארוואָס זאָלן יידן צונעמען ביי זיי דעם בארג? וויניק וואָס זיי האָבן דעם טאָל צוגענומען פאר זיך?

האָבן די אראבער ארויפגעשיקט אויפן בארג זייערע קינדער, אז זיי זאָלן נאָכקוקן, וואָס די יידן טוען דאָרטן. די אראבישע קינדער האָבן זיך געגנבעט און פונוויטנס געקוקט אויף אבינדבן מיט צילהן, ווי זיי היטן די ציגן, ווי זיי זינגען צו זיי, ווי זיי זוכן פאר זיי גוטע פּאַשע־פּלעצער. די קינדער זענען דערנאָך צוריקגעקומען צו די עלטסטע אין אראבישן דערפל און דערציילט: די יידן פארכאַפּן דעם בארג. קינדער האָבן זיי געשיקט, אָבער באלד וועלן זיי נאָכקומען...

די עלטסטע צווישן די אראבער האָבן געשוויגן, אָבער די יינגערע האָבן פארשטאנען דאָס שווייגן. מען דארף די יידן פארטרייבן פון בארג...

אין איינעם א טאָג, אז אבינדב מיט צילה זענען ארויפגעקומען אויפן בארג, אויסגעזוכט פאר די ציגן גראָזיקע ערטער, האָבן זיי דערהערט ווי שטיינער פייפן איבער זייערע קעפּ. אבינדב האָט באלד פארשטאנען, אז אראבער ווארפן די שטיינער און ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד מיטן פנים אראָפּ. ער האָט געשריגן:

— צילה, שטרעק זיך אויס אויף דער ערד, א שטיין וועט דיך טרעפן...

נאָר צילה האָט נישט פארשטאנען, וואָס אבינדב

רעדט צו איר. זי איז געווען צעטומלט פון די שטיינער, און איידער זי האָט געפּאַלגט איר חבר, האָט א שטיין איר געטראָפן אין קאָפּ. זי האָט ארויסגעלאָזט א געשריי און אבינדב איז אויפגעשפּרונגען. די אראבער, וואָס זענען געווען באהאלטן צווישן די שטיינער, זענען אַנט־לאָפן, ווייל זיי האָבן געוווסט, אז יידן וועלן זיך מיט זיי אָפּרעכענען.

א שווער פארווונדעטע איז צילה געלעגן אויף דער ערד, דאָס בלוט האָט איר גערונען פון קאָפּ. אבינדב האָט זי אויפגעהויבן און געטראָגן בארג ארונטער אין דערפל אריין. אויפן וועג איז געווען א טייכל, האָט ער איינגע־נעצט א טיכעלע און צוגעליינגט דאָס קאלטע וואסער צו צילהס קאָפּ. דערנאָך האָט ער זי ווייטער געטראָגן. איבער שטיינער און דערנער האָט ער זי געטראָגן, די ציגן זענען אים נאָכגעגאנגען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי זיי וואָלטן געוווסט וואָס דאָ איז געשען.

אין דערפל זענען אנטקעגן געקומען עטלעכע יידישע פּויערים. זיי האָבן פארווונדערט געקוקט אויף אבינדבן. געזען ווי צילה ליגט אויף זיינע הענט א פאר־חלשטע און זיי האָבן פארשטאנען, אז עפּעס איז געשען מיט די קינדער. צילהן האָט מען אריינגענומען אין שטוב, אויסגעוואשן און איבערגעבונדן די וווּנד און ערשט דערנאָך האָט מען געפרעגט:

— ווי קומט איר אויפן בארג

אבינדב האָט דערציילט, ווי זיי האָבן געפּאשעט די ציגן אויפן בארג און ווי די אראבער האָבן זיי דערפאר באוואָרפן מיט שטיינער. צילה איז בלאס, אָבער זי האָט

געשמייכלט צופרידן: מיר האָבן פארנומען דעם בארג פאר אונדזערע ציגן...

זינט דעמאָלט איז דער בארג געוואָרן א יידישער: ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן אויסצורייסן שטיינער פון אים, מאכן שוועלן און פארפלאנצן. די ערשטע יונגע ביימלעך וואקסן שוין און דאָס וועלדל רופט מען „צילה־אבינדב־וואלד״.

זינאַ ראַבינאָוויטש.

דער וואַלד ברענט

א.

אין קיבוץ „משמר העמק" זענען שוין לאנג געשלאָפן אלע קינדער, אפילו די עלטערע, ווען איינער פון די וועכטער איז אריינגעלאָפן אין ביבליאָטעק, ווו עס זענען געזעסן נאָר דערוואקסענע, און א בלאסער קוים ארויסגערעדט: „דער וואלד ברענט..."

דער גאנצער קיבוץ איז שוין געווען אויף די פיס אין הויף, ווער אויף די לאַסט וועגענער, ווער ארום זיי, העלפנדיק אַריינוואַרפן אין זיי עמערס מיט גרויסע, גומענע קישקעס. אלע זענען שוין געווען גרייט, אפילו די וואָס זענען געווען איינגעשלאָפן נאָך א שווערן טאָג ארבעט... גלייך ווי די דריי ווערטער „דער וואלד ברענט" האָבן דורכגעלעכערט די ווענט און פענצטער און אויפגעשטעלט יעדן איינעם, צו וועמענס אויער זיי האָבן דערגרייכט.

„דער וואלד ברענט" האָט זיך אויך דערהערט אין דער גרויסער געביידע, ווו עס געפינען זיך אלע קינדער.

דער ערשטער האָט דערהערט די ווערטער אין שלאָף „בן ארצי", וועלכן אלע האָבן גערופן „סאַבראָ נומער איינס", ווייל ער איז געווען דער עלטסטער פון די וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין ארץ ישראל אין דער שול פון משמר העמק (סאַבראָ רופט מען א פאַלעסטינער געבוירענעם). בן ארצין האָט זיך אויסגעוויזן, אז ער זעט אין חלום, ווי דער וואלד ברענט. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז ער זעט גרויסע פלאַמען פייער וואָס רייסן זיך פון די ברענענדיקעביימער צו די הימלען גלייך ווי זיי שרייען, בעטן זיך, מען זאָל קומען זיי צו הילף און אָפּראַטעווען פון דער גרויסער שרפה. פון דעם שרעקלעכן חלום האָט זיך בן ארצי אויפגעריסן פון שלאָף. עפעס האָט זיך טאַקע מאָדנע געלויכטן פון ווייטנס און ער איז אראָפּגעשפרונגען פון בעט אין הויף אריין. „דער וואלד ברענט

תל אביב היינט



תל אביב אין יאָר 1906

טאקע" האָט ער א דערציטערטער צו זיך א זאָג געטאָן, פארשפארט מיט די הענט דאָס מויל, גלייך ווי נישט געוואָלט דערלאָזן, אז עפּעס שרעקלעכס זאָל זיך פון דאָרט ארויסרייסן און איז ארייננעלאָפן צוריק אין זיין שלאָפצימער, זיך דורכגעדרייט צווישן די בעטלעך פון די שלאָפנדיקע און נישט קאָנענדיק מער אויסהאלטן, אויס־געשריען מיט א געוויין: — „וואָס שלאָפט איר? דער וואלד ברענט! מיין וואלד!" די איבעריקע ייִנגלעך זענען אויך ארויס פון די בעטן, צו צו די פענצטער. „דער וואלד ברענט" איז דורכגעלאָפן אלע צימערן פון דער קינדער געביידע און אויפגעשטעלט אלעמען אויף די פיס...

אָבער ערשט דאַן, ווען עס איז געוואָרן א געוויין און געיאָמער צווישן די קינדער און זיי האָבן זיך אלע געוואָלט לאָזן אין הויף אריין, פון וואנען עס האָט זיך געהערט דאָס פּאָמפּען פון וואסער אין די אָנגעלאָדענע פעסער און דער רעש פון די מאָטאָרן, האָט זיך בן ארצי א כאַפּ געטאָן און פארשטאנען דעם פעלער, וואָס ער איז באגאנגען דערמיט, וואָס ער האָט אויפגעוועקט די חברה. זיי וועלן זיך נאָר דרייען אונטער די פיס אין דער פינצטערניש פון דער נאכט און שטערן די עלטערע פון זיי וואָס קאָנען נאָך אפשר ראטעווען דעם וואלד מיט זייער ארבעט.

— חברה! האָט בן ארצי א געשריי געטאָן, און אין זיין געשריי איז געווען אזוי פיל געוויין און געבעט, אז די צעטומלטע קינדער זענען נישט ווילנדיק געבליבן שטיין ארום אים. „אונדזער וואלד ברענט, חברה. די עלטערע קאָנען אים ראטעווען, אויב מיר וועלן זיי נישט שטערן. לאָמיר דאָ בלייבן רואיק, ביז וואנען אלע וועלן ארויספאָרן פון הויף..."

זיין געוויין האָט זיך איבערגעגעבן צו די קינדער און אלעמענס אויגן זענען געוואָרן אָנגעפולט מיט טרערן. די קינדער האָבן זיך צוגעהערט מיט א פארכאפּטן אָטעם צום גערויש וואָס קומט פאָר אין הויף, ווי דער גאנצער קיבוץ איז געווען אויף די פיס, העלפנדיק

אַנלאָדן די לאסט-וואַגנס מיט אַלץ וואָס קען לעשן. „זיי זענען שוין ארויסגעפאָרן!" האָט איינער פון די קינדער געזאָגט שטיל.

ב.

גלייך ווי זיי האָבן זיך אָפּגערעדט, זענען אלע קינדער ארויס־געגאנגען אין הויף ארייַן אויף די שפּיץ פינגער און זיך איינגעקוקט מיט נייגער אין דער ווייטקייט. פון יענער זייט עמק יזרעאל האָבן זיך געצויגן צו די הימלען רויטע פלאמען פייער ווי הענט אויסגע־שטרעקטע אין א געבעט. די גאנצע געגנט, וועלכע איז שטענדיק אזוי רואיק אין דער צייט פון דער נאכט, איז געווען אָנגעזאַפּט מיט טויזנטער קלאנגען און קולות, ווייל נישט נאָר פון דעם משמר העמק, נאָר פון אלע יידישע ווינקעלעך זענען געפאָרן מענטשן רא־טעווען דעם וואלד מיט וואָס מען קאָן.

— ווער וויים וויפל עס זענען שוין... האָט איינער זיך אָנגע־רופן צום וועכטער וואָס האָט אויך געקוקט מיט ווייטיק אין דער רוישיקער פינצטערניש שטייענדיק אויף דער וואך.

— שאַ! האָט אים איבערגעשלאָגן בן ארצי, שטיל! אלע זענען געשטאנען אין א שטומער שטילקייט און אין א טיפן ציטער, וועל־כער האָט געוואָרפן די כמעט נאקעטע קערפּערס פון קעלט און אויפרעגונג. אלע האָבן זיך איינגעקוקט אין דער פינצטערניש, ווו אויף דעם בארג האָט זיך שטענדיק געגרינט דער שיינער באלפור־וואלד, געגרינט און געגלעט די אויגן אין די הייסע העלע טעג, גלייך ווי געוואָרפן און צוגעזאָגט: — „היים? קומט צו מיר. אין שאָטן פון מיינע סובטראָפּישע סאָסנעס וועט איר זיך אָפּרוען און אָפּקילן".

„ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק זענען מיר דאָרט געווען אויף אַן עקסקורסיע", האָט זיך נאָכאמאָל ארויסגעכאַפּט איינס פון די קינדער, וואָס זענען געשטאנען ארום בן ארצין.

— „שטיל!" האָט בן ארצי נאָכאמאָל א קאָמאנדעווע געטאָן, גלייך ווי יעדער וואָלט אים ווײ געטאָן... „מיין וואלד ברענט... און זיי רעדן..." האָט ער שטיל א זאָג געטאָן צום וועכטער.

— נאָר דיין וואַלד?... אונדזער אַלעמענס וואַלד... האָט דער וועכטער געזאָגט מיט טרערן.

— פאַרשטייסטו? האָט בן ארצי צו אים געזאָגט שטילערהייט, „משה האָט געהאַט אַ וואַלד אין פּוילן, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, חיים — אין רומעניע, פון וואַנען ער קומט, ישראל — האָט זיך געשפּילט אין אַ געדיכטן וואַלד אין דייטשלאַנד, ביז ער איז צו אונדז געקומען, און באַבי האַלט אין איין דערציילן וועגן די אַמעריקאַנער ווילדע וועלדער, און דאָס איז מיין וואַלד!"

ג.

בן ארצי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און זיך צעוויינט הויך אויף אַ קול. פאַרשעמט זיך, איז ער אַריינגעפאַלן צוריק אין דער קינדער־געביידע און זיך אַנידערגעוואָרפן אויף זיין בעטל...

די קינדער האָבן נישט געוואָגט אים שטערן. אַ שטיק צייט זענען זיי געשטאַנען ביי דער טיר און ווען עס איז זיי קאַלט געוואָרן, זענען זיי אַריין אין צימער אויף די שפּיץ פינגער און זיך שטיל אַריינגעזעצט אין די בעטלעך. זיי זענען געזעסן אין טיפן צער. עס האָט זיי וויי געטאָן אי פאַרן וואַלד, אי פאַר בן ארצין. זיי האָבן אַלע גוט געדענקט, אַז בן ארצי איז שטענדיק געווען נישט נאָר דער פירער, נאָר אויך דער „קענער", ווען זיי פלעגן אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר אין פעלד, צי אין וואַלד אַריין. יעדער גרעזעלע, יעדער בלימעלע, יעדער שטרויעלע האָט ער געקאָנט ביים נאָמען און שטאָלצירט מיט יעדער ביסעלע שאָטן פון יעדערביימעלע. אייניקע פון זיי האָבן זיך איצט געפילט שולדיק אַנטקעגן אים, וואָס זיי פלעגן לאַכן פון אים און פון זיין אָנקוועלן פון יעדער נייעם בוים, אויף וועלכן ער פלעגט זיי אָנווייזן...

עס האָט זיי איצט באַנג געטאָן, וואָס זיי פלעגן זיך אָפט באַרימען מיט די וועלדער, וואָס זיי האָבן געזען, איידער זיי זענען געקומען אַהער, און וואָס זיי האָבן דערמיט גלייך ווי אויסגעלאַכט דעם קליינעם באַלפור־וואַלד, מיט וועלכן ער האָט זיך אַזוי געגרויסט... אָבער בן ארצי פלעגט נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך. ער האָט זיי אָפט

אָנגערופן נאַראָנים און דאָן דערציילט זיי ווען דעם מדבר, וואָס זיינע עלטערן האָבן דאָ אין גליל געפונען, ווען זיי זענען געקומען אַהער ווי חלוצים צוריק מיט צוואַנציק יאָר. זיי האָבן דאַך אויף אַט־דעם באַרג געטראָפן בלויז פעלזן וויסטע. מיינט איר, אַז עס איז לייכט געווען אויסצוהאַקן אַלע פעלזן און אויסוואָרצלען אַלע דערנער און אויסהאָדעווען אַזאַ וואַלד? פלעגט ער שרייען. די קינדער פלעגן זיך פאַרשעמען, ווען זיי פלעגן הערן די רייד זיינע, און איצט האָבן זיי זיך געשעמט נאָך מער ווי שטענדיק... שטי־לערהייט זענען זיי געזעסן און געוואַרט אויף די עלטערע, זיי זאָלן זיך אומקערן פון דער שרפה. אייניקע האָבן זיך נישט דערוואַרט און זענען אַזוי זיצנדיק איינגעשלאָפן.

ד.

אויף מאָרגן, ווען עס איז געקומען די צייט און די קינדער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין די רייען אויף אַריינצוגיין אין שול, האָט בן ארצי פאַרגעלייגט מיט אַ ציטערנדיקער שטים אַז אַנשטאָט לערנען זאָלן די לערער פירן די קינדער אָנקוקן, וויפל ביימער עס האָבן אָפּגעברענט אין באַלפור־וואַלד. די לערער האָבן זיך טיף איינגעקוקט אין בן ארצין, אים פאַרשטאַנען. זיי האָבן צוגעשטימט, און אין אַ קורצער ווײַלע איז אַ וואָגן אָנגעפולט מיט שטייענדיקער חברה אוועקגעפאָרן, דורכשניידנדיק דעם טאָלצום־באַרג, פון וואַנען עס האָט געגרינט דער וואַלד, אָבער דאָס מאָל מיט אַ פאַרפלעקטער גרינקייט...

ערשט ווען די קינדער זענען אָנגעקומען אויפן פּלאַץ, האָבן זיי פאַרשטאַנען, וואָס עס זענען געווען די פלעקן אויף דעם גרינעם באַרג. דאָס זענען געווען שטרעקעס מיט אויסגעברענטע ביימער, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי פליכעס אויף דעם גרינעם באַוואַקסענעם קאָפּ פון באַרג. עס האָט נאָך געשמעקט מיט רויך אין וואַלד און קליינע בלעטלעך האָבן עדות געזאָגט, אַז קיין וואַסער האָבן די לעשערס נישט געזשאַלעוועט. ווי פאַרקריפּלטע זענען געשטאַנען אַסך ביימער: ווער מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ, ווער מיט אַן אָפּגעסמאַ־

ליעטן קאָפּ, וועד מיט אן אונטערגעהאקטן קערפּער... אָפּגעהאקטע הענט־צווייגן פון די שיינע שטאָלצע סובטראָפּישע סאָסנעס האָבן זיך געוואלגערט אונטער די פיס, און עס האָט זיך געדוכט, אז זיי קרעכצן נאָך פאר ווייטיק, ווען מען טרעט אויף זיי, גלייך ווי זייער נשמה וואָלט זיך נאָך נישט אינגאנצן צעשיידט מיט זיי.

ערגער פון אלץ האָט געווירקט אויף די קינדער דאָס אויסזען פון די גרויסע פּליאַמעס־פּליכן, וואָס זיי האָבן דערזען אין מיטן וואלד. אַנשטאָט די פריערדיקעביימער, וואָס האָבן אָפּגעברענט ביזן גרונט, זענען געלעגן פלעקן מדבר, גרויסע ווילדע פלעקן, וועלכע האָבן זיך גלייך ווי געררייצט מיט די הויכע ביימער פון ווייטנס און געזאָגט אַן ווערטער: „צוואנציק יאָר האָט איר שווער געארבעט אויף צו פארטרייבן דעם מדבר — און אָט איז ער ווידער דאָ! עס געפעלט אייך נישט מדבר? אָט איז ער צוריקגעקומען צו אייך!"

אלע קינדער האָבן געקוקט מיט שטילן ווייטיק אויף די מיאוסע מדבר־פלעקן, אויף וועלכע עס האָט געברענט די זון. אלע האָבן בגנבה געכאַפּט א קוק אויף בן ארצין. אלע האָבן מורא געהאַט צו באגעגענען איצט זיין קוק. גלייך ווי אלע קינדער האָבן מיטאמאָל פארשטאנען, וואָס ער פלעגט מיינען, ווען ער פלעגט זיי דערציילן, ווי זיינע עלטערע מיט זייערע חברים האָבן געארבעט, כדי פון דעם מדבר צו מאכן אָט־דעם וואלד, דעם באַלפור־וואלד.

„מדבר, מדבר", האָט זיך געטראָגן ביי אלע קינדער אין קאָפּ. איצט האָבן זיי פארשטאנען דעם טייטש פון וואָרט מדבר, וואָס בן ארצי פלעגט אזוי אָפט באנוצן אין זיינע מעשיות... און פון דעם טאָג אָן האָט שוין קיינער פון די קינדער מער נישט דערמאָנט מיט קיין איינציק וואָרט וועגן די וועלדער, וואָס זיי האָבן געזען אין די לענדער, פון וועלכע זיי זענען געקומען קיין ארץ ישראל, מער נישט געלאכט פון זייער חבר, ווען ער האָט מיט באגייסטערונג גערעדט וועגן דעם וואלד, וואָס איז אויסגעוואקסן דאָרט, ווו עס איז געווען מדבר.

ש. פריילאך.

תל־אביב — אַ יידישע שטאָט

✶

תל־אביב איז די יינגסטע שטאָט אין דער וועלט. און זי האָט זיך אויפגעבויט מיט אַן אויסערגעוועגלעכער שנעלקייט. מיט 25 יאָר צוריק איז דער פּלאַץ, אויף וועלכן עס שטייט דאָס היינטיקע תל־אביב, געווען פּוסט און וויסט און פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מדבר פון זאַמדיקע בערגלעך. בייטאָג האָט די זון צעגליט די זאַמדן, וואָס האָבן ממש געברענט די טריט און ביינאַכט האָבן הונגעריקע שאַקאַלן געוואָיעט און אַנגעוואָרפן אַ מורא אויף דער געגנט.

אין 1909 האָבן אַ גרופּע יפוער יידן געשאַפן אַ קאָאָפּעראַטיווע און אויפגעקויפט הונדערט דונאַם ערד און מיט דער הילף פון קרן היסוד זיך געשטעלט אויף דעם אָרט בויען אַ פּאָר צענדליק הייזער.

די הייזער האָבן די יידן שוין געבויט אויפן מאָדערנעם שטייגער, גאַרנישט ווי אין יפו. פאַר די אויגן איז געשטאַנען אייראָפּע מיט אירע פּרעכטיקע פאַרשטעטיקע ווילעס און די יידן האָבן אַלץ געטראַכט, אַז אָט די געגנט, וואָס זיי בויען, וועט זיין אַ מין ווינקעלע אָפּצורוען זיך נאָך דער שווערער אַרבעט אין שטאָט.

די געגנט האָבן די יידן אַ נאָמען געגעבן תל־אביב, פרילינג־בארג, און דערביי איינזינען געהאַט, אַז זיי שטעלן דערמיט אַ באַשיידענעם מאָנומענט הערצלס „אַלטניילאַנד". הערצלס חלום צו באַנייען דאָס אַלטע לאַנד.

די נייע געגנט האָט אָנגעהויבן זיך צו צעוואַקסן, און אין יאָר 1914 האָט שוין תל־אביב 128 הייזער מיט 1313 איינוווינער. אָבער די מלחמה האָט אַ תל געמאַכט פון אַלע האָפענונגען און פּלענער. באַלד ווי טערקיי איז אַריין אין וועלט־קריג, האָט זי אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון יפו און תל־אביב און זיי צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

ערשט ווען די ענגלענדער האָבן איינגענומען פּאַלעסטינע, האָבן זיך די יידן גענומען אומקערן אהיים און תל־אביב האָט זיך ווידער אָנגעהויבן בויען.

אין 1920 האָט שוין תל־אביב געהאַט 3004 איינוווינער. אין 1922 — 15.185, אין 1931 — 46.300, אין 1935 — 100.000 איינ־ווינער.

היינט, אין יאָר 1937, ציילט שוין תל־אביב 148.000 איינוווינער, וואָס מאכט אוים 36,7 פּראָצענט פון גאנצן יידישן ישוב אין ארץ ישראל, און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אז אין א יאָר, צו צוויי ארום, וועט תל־אביב דערציען ביז די 200.000 איינוווינער.

תל־אביב וואקסט מיט אן אויסערגעווענלעך שנעלן טעמפּ. ווו איר טוט זיך א ריר, טרעפט איר רישטאָוואניעס. ליים, ציגל און בעטאָן. יעדע וואָך, יעדן חודש, רייסט מען ארוים א שטיק פּלאַץ ביי דער זאמדיקער מדבר און מען טשעפּעט צו צו דער שטאָט נייע הייזער, נייע קווארטאלן, נייעם מענטשלעכן ישוב.

אמשטארקסטן זעט זיך אָן די בוי־באוועגונג אין עק־שטאָט, איבערהויפּט אויף דרום. דאָרטן ווערן אראָפּגעשארט בערג, אוים־געגלייכט טאָלן, אויסגעשניטן גאסן און ווענן און אוועקגעשטעלט נייע הייזער, נייע געגנטן.

די נייע הייזער ווערן געבוים מיט א טאָלק, א סדר, אז איר טוט א קוק אויף די געביידעס, וואָס זענען אויפגעקומען די לעצטע יאָרן, זעט איר שוין עפּעס אייגנארטיקס, אָריגינעלעס. עס איז נישט מזרח און נישט מערב, נישט אייראָפּע און נישט אזיע, נאָר עפּעס אן ארכיטעקטור, וואָס איז אָריגינעל, יידישלעך.

די נייע הייזער אין פּאַלעסטינע זענען אלע ווייסע, מאסיווע, מיט גרויסע וועראנדעס, מיט ברייטע פענצטער, וואָס ווערן פאר־טרונקען פון זון און ליכט און זיי האָבן שוין קליינע גערטנדלעך, בלומען, גראָז,ביימער.

תל־אביב איז א פענצטערל אין דער צוקונפט אריין. זי ווייזט

וואָס יידישער פליים און ענערגיע האָבן אויפגעטון און וואָס זיי קענען נאָך אויפטון.

א חוץ דעם, איז תל־אביב באזונדער אינטערעסאנט מיט איר פילפארביקייט און מיט איר יידישער אלוועלטלעכקייט. נישטאָ דוכט זיך קיין לאנד אין דער וועלט וואָס זאָל דאָ נישט האָבן אירע יידן.

אז איר גייט דורך אינדערפרי דורך די תל־אביבער האנדלס־גאסן, דורך די מערק, דורך די ארבעטס-בערזעס, פילט איר זיך ווי אין עפּעס א צויבערלאנד; יידן פון דער גאָרער וועלט גייען פארביי אייערע אויגן, יידן פון תימן און יידן פון באַלקאַן, יידן פון מזרח־איראָפּע און יידן פון מערב־איראָפּע. פון ליטע, און פון אינדיע, פון אַפריקע און פון לעטלאַנד, פון אונגאַרן און פון טור־קעסטאַן — עס איז אן אמתער קיבוץ גליות, א מישמאש פון שווארצע און ווייסע, פון ברוין הויטיקע און פון בלייך הויטיקע, פון טורבאַנען און קאפעליושן, פון פעסקעס און פון גאָלד־געשטריקטע יאַרמעלקעס, פון אַנדולירטע פרויען־קעפּ, וואָס זענען פארצויגן מיט טיכלעך פון כלערליי שרייענדע קאָלירן.

תל־אביב איז א יידישע מוסטער־שטאָט, א שטאָט וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א לעבעדיקן יידישן מוזעאום פון כלערליי טיפּן און ראסן, אָט האָט איר א יידישן בלאָנדן הער, אן אמתער איראָפּייער, אן אמתער דייטש און נעבן אים א ייד, מיט א שווארץ, אָפּגעברענט פּנים, אן עכטער אראבער.

ניין, מען דאַרף נישט אויספאָרן מער די גאנצע וועלט צו קענען יידן, עס איז גענוג אריינצופאָרן בלויז קיין תל־אביב, קיין ירושלים, קיין טבריה און איר וועט זען פאר זיך דעם גאנצן יידישן וואנדער־וועג אין דער גאָרער וועלט, די גאנצע יידישע געשיכטע זייט טויזנ־טער און טויזנטער יאָרן. יעדער ייד פון תימן, יעדער ייד פון איראַק, צי טורקעסטאַן האָט מיטגעבראכט מיט זיך א ניי קאפּיטל פון יידישע צרות, פון יידישע ליידן...